# טרויער

עס רוישן די ביימער ביי נאַכט אַזוי טרויעריק
און קוקן צום הימל אַרויף, וועלכער האָט
אין זיין האַרץ יעדן שטערן פֿאַרלאָשן און שלאָפֿט,
חלומט פֿון געשטאָרבענע קינדער...

עס לויפֿן די ווינטן ביי נאַכט אַזוי טרויעריק,
רייסן פֿאַר ווייטיק די טעלעגראַף־סלופעס,
און ס׳ציטערט אין ראָג די בלייכע לאָמטערנע,
עס כאַפּט זיך דאָס טיכל פֿון שלאָף אויף דערשראָקן,
עס קלאַפּן די דעכער ביי נאַכט אַזוי טרויעריק,
איבער די קעפּ פֿון די הייזער, ווי פֿליגל פֿון טויט.

— — —

עס שלאָפֿט־איין דאָס עכאָ אויף די עלנטע גאַסן,
פֿאַרגליווערטע גלאָצן דער מאַרק און דער קלויסטער.
גאָר ערגעץ דאָרט שטייט נאָך אַ מאַמע ביים פֿענצטער
און ווינקט אין דער נאַכט איר געהרגעטן זון.

אילוסטרירטע וועלט נומ׳ 5 אויגוסט 7, וואַרשע 1919.